Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 14, נומער 2 (67)

שבֿט תשס״ט/יאַנואַר 2009

# טעאָדאָר ביקל אין פּאַריז

אַ פּרעכטיקער פּאַריזער קאָנצערט־זאַל – אַ פּראָגראַם מיטן וועלט־באַרימטן אַקטיאָר און זינגער טעאָדאָר ביקל – מיט דער גלענצנדיקער זינגערין פֿון ייִדישן פֿאָלקסליד שורה[1] ליפּאָווסקי – מיט דער פּאָפּולערער פֿראַנצייזישער גרופּע „לע זיע נואַר[2]“ (שוואַרצע אויגן) – דאָס אַלץ לטובֿת[3] דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק !

„דער קאָנצערט איז פֿאָרגעקומען דעם 24סטן נאָוועמבער – דערקלערט עסטעל הולאַק, די פּראָגראַם־דירעקטאָרשע פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – נאָר די צוגרייטונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גאַנץ יאָר פֿריִער, אין סעפּטעמבער 2007 ! און אמת געזאָגט[4], האָב איך לאַנגע יאָרן געחלומט[5] צו פֿאַרבעטן צו אונדז טעאָדאָר ביקל, וואָס זײַן קונסט איז מיר ליב נאָך פֿון מײַנע קינדער־יאָרן. ווען מיר האָבן באַשלאָסן אײַנצואָרדענען אַ גאַלאַ־אָוונט צו זאַמלען געלט פֿאַר אונדזער נײַעם לאָקאַל, האָבן מיר גלײַך געטראַכט אַז ער מוז זײַן דער „סטאַר“ פֿונעם ספּעקטאַקל. ווען ער איז – בעת[6] אַ פּריוואַטן באַזוך אין פּאַריז – געקומען באַזוכן די מעדעם־ביבליאָטעק האָבן מיר געשמועסט, און ער האָט אָנגענומען אונדזער פֿאַרבעטונג“.

טעאָדאָר ביקל האָט אָנגעהויבן זײַן קאַריערע ווי אַן אַקטיאָר, צו ערשט אין ישׂראל[7], שפּעטער אין לאָנדאָן און נאָך דעם אין ניו־יאָרק, אויף בראָדוויי, ווו ער האָט לאַנג געשפּילט טבֿיה[8] אין *פֿידלער אויפֿן דאַך*[9]. אין האָליוווד האָט ער געשפּילט אין אַ 30 פֿילמען. איינער פֿון די באַקאַנטסטע איז די *אַפֿריקאַנער קעניגין*[10], ווו ער שפּילט דעם דײַטשישן שיפֿס־קאַפּיטאַן. זינגען זינגט ער אויף אַ סך שפּראַכן, דער עיקר[11] פֿאָלקסלידער. הײַנט וווינט ער אין קאַליפֿאָרניע און איז זייער אַקטיוו, פֿאָרט איבער דער וועלט צו זינגען אויף קלעזמער־קאָנצערטן, ייִדישע (און אַנדערע) פֿעסטיוואַלן.

אָפֿט מאָל זינגט ער מיט שורה ליפּאָווסקי. צוזאַמען מיט טאַמאַראַ ברוקס, אַ באַרימטע קלאַסישע פּיאַניסטקע, און מערימאַ קלוטשאָ, אַן אַקאָרדעאָניסטקע אַ ווירטואָז, האָבן זיי לעצטנס געגרינדט אַ קוואַרטעט מיטן נאָמען „סערענדיפּיטי 4“[12] וואָס נעמט אָנטייל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג „מוזיקער אָן גרענעצן[13]“. שורה ליפּאָווסקי וווינט אין האָלאַנד נאָר זי פֿאָרט אויך אַרום איבער דער וועלט צו זינגען און אויך אָנצופֿירן מיט קלאַסן און וואַרשטאַטן[14] פֿון ייִדיש געזאַנג און טענץ. זי איז אַן אָפֿטער גאַסט אין פּאַריז ווײַל זי פֿירט אָן מיטן כאָר[15] פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער, „טשיריבים“.

טעאָדאָר ביקל, טאַמאַראַ ברוקס און שורה ליפּאָווסקי האָבן, ווי מע האָט דערוואַרט, פֿאַרכּישופֿט[16] דעם עולם[17] מיט זייער געפֿיל, חן[18] און הומאָר. און מערימאַ קלוטשאָ איז געווען איינער פֿון די שענסטע





אויבן : טעאָדאָר ביקל און שורה ליפּאָווסקי.
אונטן : „סערענדיפּיטי 4“ און „לע זיע נואַר“ שפּילן און זינגען צוזאַמען צום סוף פֿונעם גאַלאַ־אָוונט./© Alexis Rimbaud

[סוף זײַט 3]

1. shura 2. Les Yeux noirs 3. letoyves au profit de/for the benefit of 4. emes ... à vrai dire/to tell the truth 5. gekholemt rêvé/dreamed 6. beys au cours de/during 7. yisroel Israël 8. Tevye (le laitier)/Tevye (the Dairyman) 9. *Le Violon sur le toit*/*Fiddler on the Roof* 10. *The African Queen* 11. ... iker surtout/mainly 12. “Serendipity 4” 13. frontières/borders 14. ateliers/workshops 15. chorale/choral group 16. farkisheft enchanté/enchanted 17. oylem public/audience 18. kheyn charme/charm

# דער טרוים־טעאַטער[1] אין ווין[2]

– איר רעדט ייִדיש ?
– יאָ.
– איר האָט געשפּילט אַ פּיעסע אויף ייִדיש ?
– יאָ.
– איר וואָלט געקומען שפּילן אין ווין ?
– פֿאַר וואָס נישט ?

מיט די לאַקאָנישע ווערטער אויפֿן טעלעפֿאָן האָט זיך אָנגעהויבן די אַוואַנטורע פֿונעם טרוים־טעאַטער אין ווין. אַ ביסל שפּעטער האָט זיך אַנטוויקלט אַן אמתער[3] דיאַלאָג צווישן שאַרלאָט מעסער, די רעזשיסאָרשע[4] פֿון דער טרופּע, און חיים[5] ראָזנקראַנץ, דער אָנפֿירער פֿונעם ייִדיש־פֿעסטיוואַל אין ווין. ראָזנקראַנץ, אַ 85 יאָריקער מאַן, האָט אַ מאָל באַשלאָסן אַז פֿון זײַן ערשטן טאָג אויף פּענסיע[6], וועט ער זיך פֿאַרנעמען מיט דער ייִדישער שפּראַך. און דאָס האָט ער טאַקע געטאָן ! ער האָט געשאַפֿן דעם ייִדישן אינסטיטוט פֿאַר בילדונג פֿון דערוואַקסענע[7], אַן אינסטיטוציע וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון דער ייִדישער קולטור, אַרײַנגערעכנט[8] ייִדיש. מיט 14 יאָר צוריק האָט ער אָרגאַניזירט אַ ייִדיש־פֿעסטיוואַל, „די ייִדישע קולטורטעג“, אונטערגעשטיצט[9] פֿון דער שטאָט ווין. ער האָט דאָס איצט פֿאַרבעטן דעם טרוים־טעאַטער אויפֿן פֿעסטיוואַל.

אַזוי איז די גאַנצע טרופּע געפֿאָרן קיין ווין און האָט דאָרטן געשפּילט צוויי מאָל *די צוויי קונע־לעמל*[10]. אין דעם פֿעסטיוואַל זענען אויך אַרויסגעטראָטן[11] רבֿ חיים אײַזענבערג און חבֿרים[12] מיט לידער און אַנעקדאָטן („מענטשן אין שטעטל“), ראָמאַן גרינבערג און חבֿרים מיט מוזיק און לידער („חכמות און עצות[13]“), און טעאָדאָר ביקל מיט טאַמאַראַ ברוקס.

דרײַ הונדערט מענטשן זענען געקומען זען *די צוויי קונע־לעמל*, וואָס איז נישט ווינציק פֿאַר אַ קליינער קהילה[14] פֿון אַ זעקס טויזנט ייִדן. די מערהייט פֿון זיי שטאַמט ניט פֿון ווין נאָר פֿון עקס־ראַטן־פֿאַרבאַנד[15]. מען רעדט דאָרטן נישט קיין סך ייִדיש נאָר פֿאָרט[16], זאָגט איינער פֿון די אַקטיאָרן, „ווען מיר האָבן געוואַרט הינטערן פֿאָרהאַנג[17], האָבן מיר געהערט רעדן ייִדיש אין זאַל“.

די טרופּע האָט געהאַט אַ גרויסע הצלחה[18], און דער גאַסטראָל[19] איז גוט אַדורך, אַחוץ[20] די געוויינטלעכע קליינע פּראָבלעמען אָן וועלכע אַ לעבן פֿון אַ טעאַטער־מענטש וואָלט נישט געהאַט קיין טעם[21] ! אַלע האָבן שטאַרק הנאה[22] געהאַט פֿונעם באַזוך אין ווין. די רײַזע האָט פֿאַרשטאַרקט די נאָענטקייט צווישן די אַקטיאָרן. אַ סימן[23], ווי עס



**אויבן : אַ בילד פֿון די ווינער גאַסן.**
**אונטן : אַ סצענע פֿון „די צוויי קונע־לעמל“.**
© Laurence Aptekier-Fisbein

דערציילט איינער פֿון דער טרופּע, „אַלע פֿרימאָרגן האָבן מיר זיך צעשפּרייט אין קליינע גרופּעס צו באַזוכן די שטאָט, און מיר האָבן זיך אַלע מאָל געטראָפֿן ערגעץ ווו“. אָבער דער שטאַרקסטער מאָמענט, זאָגט אַן אַנדערער, איז אפֿשר[24] : „זיך כאַפּן מיט אַ מאָל אַז מיר שפּילן אַ פּיעסע אויף ייִדיש אין ווין און טראַכטן – מיר זענען דאָ“. דער טרוים־טעאַטער איז מקיים חלומות[25].

1. Troïm Teater, troupe théâtrale de la MCY/theater troupe of the Paris Yiddish Center 2. Vienne/Vienna 3. E'MESER vrai/true 4. metteur en scène (*fém.*)/director 5. KhAIM 6. retraite/retirement 7. Jüdisches Institut für Erwachsenenbildung 8. y compris/including 9. soutenu/subsidized 10. *Les Deux Kune-Leml/The Two Kune-Lemls*, pièce de/play by Avrom Goldfaden (1840-1908) 11. se sont produits/performed 12. KhAVEYRIM *ici* compagnie/*here* company 13. KhOKhMES ... EYTSES astuces et conseils/wit and good advice 14. KEHILE communauté/community 15. ex-Union soviétique/ex-Soviet Union 16. quand même/still, nevertheless 17. rideau/curtain 18. HATSLOKhE succès/success 19. tournée/tour 20. AKhU'TS à part/aside from 21. TAM saveur/savor, zest 22. HANOE plaisir/pleasure 23. SIMEN la preuve/indication 24. EFShER peut-être/maybe 25. ... MEKAYEM KhALOYMES réalise les rêves/makes dreams come true.

ווען עס האָט זיך געענדיקט דער אויסערגעוויינטלעכער גאַלאַ־אָוונט בין איך גלײַך אין דער פֿרי אַוועקגעפֿאָרן קיין ווין כּדי[1] צו באַגלייטן[2] דעם טרוים־טעאַטער אויף דער איינציק־מיניקער[3] אַוואַנטורע.

זינט סעפּטעמבער 2008 אַרבעט איך אין פּאַריזער ייִדיש־צענטער אין די ראַמען[4] פֿון דעם עסטרײַכישן געדענקדינסט[5]. אין דער טרופּע טרוים־טעאַטער פֿאַרנעם איך זיך מיט רעקוויזיטן[6].

ייִדיש און ווינעריש זענען זייער נאָענט (נעענטער ווי כּלל־דײַטש[7]).

דאָס האָט דערפֿרייט אונדזער רעזשיסאָרשע שאַרלאָט מעסער, וואָס האָט געזאָגט : „דער עולם[8] האָט אונדז פֿאַרשטאַנען. זיי האָבן געלאַכט אויפֿן ריכטיקן אָרט“. ביידע אויפֿפֿירונגען זענען געווען אַ ריזיקער דערפֿאָלג. אונדזער שפּילן אין מײַן היימשטאָט וועט מיר אויף אייביק בלײַבן אײַנגעקריצט[9] אין זכּרון[10].

*ראַלף פּאָטינגער*

1. KEDE'Y afin de/in order to 2. accompagner/accompany 3. unique 4. dans le cadre de/as part of 5. Service pour la mémoire/Holocaust Memorial Service 6. accessoires/props 7. KLAL-... allemand standard/standard German 8. OYLEM public 9. gravé/engraved 10. ZIKORN mémoire/memory.



[סוף פֿון זײַט 1]

סורפּריזן פֿון דעם גאַלאַ־אָוונט. דער אַנדערער סורפּריז איז געווען „לע זיע נואַר“ – אמתע[19] קלעזמאָרים, וואָס האָבן געשפּילט אי פֿאַרבענקט[20] אי עלעקטריש, מיט ברען[21], ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

„לע זיע נואַר“, געגרינדעט אין 1992 דורך צוויי ברידער, בײדע פֿידלער, אָליוויע און עריק סלאַביאַק, איז ספּעציאַליזירט אין מוזיק פֿון מיזרח[22]־אײראָפּע, דער עיקר ייִדישע און ציגײַנער לידער. זיי זענען אָפֿטע געסט אויף פֿעסטיוואַלן פֿון דער „וועלט־מוזיק“.

דער קאָנצערט האָט געהאַט אַ גרויסע הצלחה[23], מיט אַן עולם פֿון 800 מענטשן וואָס האָבן שטאַרק געפּאַטשט[24] און פֿאַרלאַנגט ביס[25] ! און בײַם סוף האָבן אַלע צוזאַמען געשפּילט און געזונגען און ס'איז געווען אַ מחיה[26].

„פֿאַר מיר פּערזענלעך, דערציילט ווײַטער עסטעל הולאַק, איז גאָר אַ רירנדיקער[27] מאָמענט געווען זונטיק, אַ טאָג פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג, ווען שורה האָט געאַרבעט מיטן כאָר, און טעאָדאָר ביקל מיט די צוויי מוזיקערס זײַנען געקומען אין צענטער אויף אַ „סורפּריז־וויזיט“, געשפּילט און געזונגען פֿאַרן כאָר. דאָס האָט דערפֿרייט אַלע כאָריסטן, און נישט איינער האָט געהאַט טרערן אין די אויגן“.



**„לע זיע נואַר“ אויף דער בינע. אויפֿן ערשטן פּלאַן : עריק און אָליוויע סלאַביאַק.**/© Alexis Rimbaud

„און נאָך עפּעס וואָס דערפֿרייט מיך, זאָגט עסטעל, עריק סלאַביאַק, איינער פֿון די פֿידלער, לערנט זיך ייִדיש, און ער האָט זיך פֿאַרשריבן אויף אַן אָנהייבער־קורס בײַ אונדז אין ייִדיש־צענטער“.

19. E'MESE véritables/real 20. avec nostalgie/yearning 21. passion/fervor 22. MIZREKh de l'Est/eastern 23. HATSLOKhE succès/success 24. applaudi/applauded 25. reclamait bis/asked for encores 26. MEKhAYE plaisir/pleasure 27. émouvant/moving.

## אַרום אַ קלאַנג

# שמ...

אינעם לעצטן נומער *טעם־טעם*, פּונקט אויף דער ערשטער זײַט, און פּונקט אין אַ גרויסן טיטל, האָט זיך באַוויזן דער **שמ־קלאַנג**[1] : „ביג בענג - שמיג בענג“.

ווי אַלע ווייסן, קומט דער אויסדרוק „ביג בענג“ פֿון ענגליש, און מע ניצט אים הײַנט אין אַ סך שפּראַכן אָנצורופֿן דעם גוואַלדיקן אויפֿרײַס[2] וואָס האָט (אַזוי טראַכטן די וויסנשאַפֿטלער[3]) באַשאַפֿן דעם אוניווערס. נאָר **שמיג בענג** – וואָס מיינט מען מיטן **שמיג** ?

דער קלאַנג **שמ-** אין אָנהייב פֿון אַ וואָרט איז אַ סימן[4] אַז מע וויל אָפּלאַכן פֿון דעם וואָרט, פֿאַרמינדערן אָדער אַנולירן זײַן באַטײַט.

**שמ-**

ווען אַ מענטש זאָגט **געלט שמעלט**, וויל ער געבן צו פֿאַרשטיין אַז געלט איז נישט וויכטיק, נישט נייטיק. און בײַם זאָגן גיט ער געווײנטלעך אַ מאַך מיט דער האַנט אויף אַראָפּ, אַ זשעסט וואָס מיינט געווי די זעלבע זאַך. אַ מאָל קען עס טראָגן אַן איראָנישן טעם[5]. איינער זאָגט : „אוי וויי, איך האָב אַ גריפּע !“, ענטפֿערט אַ צווייטער : „**גריפּע שמיפּע**, אַבי געזונט[6] !“. הײַנט צו טאָג קלאָגן זיך אַלע אויפֿן קריזיס. זאָגט איינער : „**קריזיס שמיזיס**, ס'וועט נאָך זײַן ערגער“ ! אַ באַקאַנטער וויץ אויף דעם שטייגער[7] (פֿון אַ פֿרוי וואָס ווייס נישט קיין סך פֿון זיגמונט פֿרויד און זײַנע טעאָריעס) איז : **עדיפּוס שמעדיפּוס**[8], אַבי מע האָט ליב די מאַמע !

אין לינגוויסטיק רופֿט מען דאָס מיטן שיינעם טערמין „ביטול־פֿאַרטאָפּלונג“[9], אָדער פּשוטער[10] געזאָגט די „שמ־פֿאַרטאָפּלונג“.

דער פֿאָרעם, וואָס איז גאַנץ פֿאַרשפּרייט אין ייִדיש, האָט זיך אַרײַנגעגנבֿעט[11] אין אַמעריקאַנער ענגליש, ווו מע ניצט עס הײַנט צו טאָג אַ סך. מיט יאָרן צוריק איז געווען אַ באַרימט ליד מיטן נאָמען Mink shmink, money shmoney[12]. אין מאָדערנעם העברעיִש האָט מען דאָס אויך אימפּאָרטירט : די פֿאַראייניקטע פֿעלקער[13] רופֿט מען אומות מאוחדות[14], געקירצט אויף „אום“. מע דערציילט אַז ווען בן גוריון[15] האָט געוואָלט אויסדריקן וואָס ער טראַכט וועגן אָט דער אָרגאַניזאַציע, האָט ער עס געטאָן קורץ און שאַרף – **אום שמום !**

אָט די שמ־פֿאַרטאָפּלונג גייט אַרײַן אין אַ ברייטערער קאַטעגאָריע, וואָס די לינגוויסטן רופֿן „דופּליקאַציע“, אָדער פֿאַרטאָפּלונג. איין סאָרט פֿאַרטאָפּלונג איז קינדערשפּראַך. די ערשטע ווערטער וואָס קינדער רעדן אַרויס זײַנען פֿאַרטאָפּלונגען פֿון איין טראַף[16], וואָס געבן אונדז אַזעלכע ווערטער ווי מאַמאַ, פּאַפּאַ, פּיפּי... וואָס עקסיסטירן אויף אַלע שפּראַכן. מע קען אויך געפֿינען פֿאַרטאָפּלטע טראַפֿן מיט אַן ענדערונג פֿון איין קאָנסאָנאַנט : כאַפּ לאַפּ[17], הענדעם פּענדעם[18], גאָגל מאָגל[19]... אָדער מע האַלט אײַן דעם ערשטן קלאַנג און מע בײַט דעם וואָקאַל : מיש מאַש, זיג זאַג, שלינג און שלאַנג[20]... אין אַלגעמיין איז דער עפֿעקט שפּילעוודיק אָדער קאָמיש.

פֿון וואַנען קומט דער **שמ-** ? קיינער ווייס ניט. ס'איז דאָ פֿאַרשיידענע היפּאָטעזן. אונדז געפֿעלט די וואָס האַלט אַז עס קומט פֿונעם וואָרט שמאַטע[21] (פֿון סלאַווישן אָפּשטאַם). מע קען זיך פֿאָרשטעלן אַז אַ פֿאַרביטערט ווײַב האָט אַ מאָל געקוקט אויף איר נעבעכדיקן מאַן און אַ זאָג געטאָן : „דאָס איז נישט קיין טאַטע, דאָס איז אַ שמאַטע“ – און פֿון דעם איז אַרויסגעוואַקסן אַ גאַנצער קאָנצעפּט.

1. le son "shm"/the "shm" sound 2. explosion 3. scientifiques/scientists 4. SIMEN signe/sign 5. TAM *ici* tonalité/*here* tone 6. pourvu qu'on ait la santé/as long as you're healthy 7. sur ce modèle/of this type 8. "Œdipe shmœdipe" 9. BITL... réduplication péjorative/pejorative reduplication 10. PO'ShETER plus simplement/more simply 11. ARA'YNGEGANVET s'est introduit (en douce)/sneaked into 12. vison 13. ONU/U.N. 14. UMOT MEUKhADOT 15. BEN GURION 16. syllabe/syllable 17. à la va-vite/quickly, haphazardly 18. dare dare/at top speed 19. lait de poule/egg flip 20. désœuvré/idle 21. chiffon/rag.

# קאָרטנשפּילן[1] בײַ ייִדן



אַ ייִד שפּילט זיך ניט ! ער דאַרף לערנען תּורה[2], דאַוונען[3], פֿאַרדינען געלט (כאָטש מיט דעם פֿאַרנעמט זיך גענוג אָפֿט דאָס ווײַב...), הכּלל[4] – ער דאַרף נישט אַוועקפּטרן[5] די צײַט אויף אַזעלכע נאַרישקייטן וואָס פּאַסן נאָר פֿאַר שקצים[6] און עמי־הארצים[7]. אַזוי האָט מען אונדז אַלע מאָל דערציילט.

בלויז איין מאָל אַ יאָר, חנוכּה[8]־צײַט, מעג מען זיך שפּילן אויף וואָס די וועלט שטייט[9]. דעמאָלט איז עס אַפֿילו[10] כּמעט[11] אַ מצווה[12] : מיט דעם דערמאָנט מען די אַמאָליקע גריכישע גזירות[13] וואָס האָבן פֿאַרבאָטן ייִדן צו לערנען תּורה. די ייִדן האָבן אַוודאי[14] ווײַטער געלערנט, נאָר ווען עס זענען געקומען די גריכישע סאָלדאַטן, האָבן זיי גיך באַהאַלטן די ספֿרים[15] און אַרויסגענומען די קאָרטן. אין אָנדענק פֿון דעם וואַרפֿן זיך קינד און קייט[16] אויף קאָרטן און דריידלעך[17] אַלע יאָר חנוכּה־צײַט – אַזוי לכּל־הפּחות[18] דערקלערט די טראַדיציע.

טאָ, אויב אונדזערע אָבֿות[19] זענען טאַקע געווען אַזעלכע צדיקים[20], פֿון וואַנען האָט יצחק ריבֿקינד[21] גענומען מאַטעריאַל אויף צו שרײַבן אַ גאַנץ בוך פֿון צוויי הונדערט זײַטן מיטן נאָמען : *דער קאַמף קעגן אַזאַרטשפּילן[22] בײַ ייִדן : אַ שטודיע אין פֿינף הונדערט יאָר ייִדישע פּאָעזיע און קולטור־געשיכטע* (אַרויס אין ניו־יאָרק, 1946) ? ריבֿקינד האָט זייער ערנסט געפֿאָרשט[23] אָט די טעמע אינעם ייִדישן פֿאָלקלאָר און ליטעראַטור. לייענענדיק דאָס בוך זאָגט מען זיך : אויב במשך פֿון[24] פֿינף הונדערט יאָר האָט מען אַזוי פֿיל געשריבן קעגן אַזאַרטשפּילן, האָבן ייִדן מסתּמא[25] פֿאָרט נישט ווינציק געשפּילט !

ווײַזט אויס אַז ייִדיש פֿאַרמאָגט זייער אַ רײַכן וואָקאַבולאַר אַרום שפּילן. אָפֿט מאָל האָט מען גענומען די גוייִשע ווערטער און זיי פֿאַרייִדישט. צום בײַשפּיל, די קאָרט קעניג האָט מען אָנגערופֿן מלך[26], די קאָרט מיט דעם נומער נײַן האָט מען געגעבן דעם נאָמען טיתער[27] (נאָך דעם נײַנטן אות[28] אינעם ייִדישן אַלף־בית[29]). ווען מע האָט געוואָלט אַרויס פֿון שפּיל פֿלעגט מען זאָגן „דיינו"[30] (וואָס מיינט „ס'איז אונדז גענוג", און איז זייער אַ באַקאַנט וואָרט צוליב דעם ליד וואָס מע זינגט אַלע יאָר בײַם סדר[31]). דער וואָקאַבולאַר איז מסתּמא באַזונדערש געקומען צו ניץ ווען מע האָט געשפּילט מיט ניט ייִדן...

דער עיקר[32] ברענגט ריבֿקינד אַ סך בײַשפּילן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון אַלע תּקופֿות[33]. מיר וועלן דאָ איבערדערציילן אַ מעשׂה[34] גענומען פֿון דער פֿאָלקס־טראַדיציע, וועגן דעם ווי דער רבֿ עקיבֿא אייגער[35] (1837 – 1761) איז געוואָרן אויף אַ קורצער צײַט אַ קאָרטן־שפּילער. מע דערציילט אַז איין מאָל איז דער רבֿ געזעסן שפּעט בײַ נאַכט און געלערנט, ווי זײַן שטייגער[36] איז געווען. איז אַרײַנגעקומען אַ קליין מיידל און אים איבערגעגעבן אַ בריוו :

*חשובֿער[37] רבֿ, איך שרײַב אײַך צו בעטן אײַער הילף. מײַן ווײַב איז געלעגן געוואָרן[38] מיטן זעקסטן קינד. איצט ליגט זי פֿאַרשמאַכט[39], און איך האָב ניט מיט וואָס צו דערהאַלטן איר לעבן. איך אַרבעט זייער שווער, אָבער דאָס וואָס איך פֿאַרדין מיט אַ גאַנץ יאָר אַרבעט, איז נאָך אַלץ ווינציקער ווי דאָס וואָס אַ קאָרטנשפּילער פֿאַרשפּילט[40] איבער נאַכט אין סוחרים[41]־קלוב. העלפֿט מיר, רבֿ ! ראַטעוועט[42] מײַן ווײַב !*

*אײַער, בעהר הערץ*

[סוף זײַט 8]

## שפּריכווערטער[1]

- אַז משיח[2] וועט קומען וועט מען שפּילן אין גלעזערנע[3] קאָרטן. (דאָס מיינט אַז אין משיחס צײַטן וועלן מענטשן זײַן אַזוי ערלעך[4] אַז זיי וועלן אַפֿילו[5] קענען שפּילן זעענדיק איינער דעם אַנדערנס קאָרטן).
- אַ קאָרט האָט פֿײַנט אַ ווײַב און אַ טישטעך.
- אין לרחם בקאָרטן[6].
- אין חכמה ואין תּבֿונה[7] כּנגד[8] שלעכטע קאָרטן.

1. proverbes/proverbs 2. MESHIEKH le Messie/the Messiah 3. en verre/made of glass 4. honnêtes/honest 5. AFILE même/even 6. EYN LERAKHEM BEKORTN il n'y a pas de miséricorde dans les cartes/there is no mercy in cards 7. EYN KHOKHME VEEYN TVUNE ni sagesse ni discernement ne tiennent/neither wisdom nor understanding can help 8. KENEGED face aux/in the face of.

1. jeux de cartes/card playing 2. TOYRE Torah 3. prier/pray 4. HAKLA'L bref/in short 5. AVE'KPATERN gaspiller/waste 6. SHKOTSIM non-Juifs/Gentiles, *sing.* שייגעץ SHEYGETS 7. AMERATSIM ignorants/ignorant people, *sing.* עם־האָרץ AMORETS 8. KHA'NIKE Hanouca/Hanukkah 9. de toutes ses forces/with all one's might 10. AFILE même/even 11. KIMA'T presque/almost 12. MITSVE bonne action/good deed 13. GZEYRES persécutions 14. AVADE bien sûr/of course 15. SFORIM livres sacrés/holy books, *sing.* ספֿר SEYFER 16. tout le monde/everybody 17. toupies/tops 18. LEKHOL-HAPOKHES du moins/at least 19. OVES ancêtres/ancestors 20. TSADIKIM hommes saints/saintly people 21. Yitskhok Rivkind 22. jeux de hasard/games of chance 23. fait une recherche sur/did research 24. BEMESHEKH ... pendant/for 25. MISTOME sans doute/no doubt 26. MEYLEKH roi/king 27. TESER 28. OS lettre/letter 29. ALEF-BEYS alphabet 30. DAYEYNU 31. SEYDER seder de Pâque/Passover Seder 32. ... IKER surtout/mainly 33. TKUFES époques/periods 34. MAYSE histoire/story 35. Rov Akiva Eiger 36. habitude/habit 37. KHO'SHEVER estimé, respecté/honored, respected 38. a accouché/delivered 39. affaiblie/in a weakened state 40. perd/loses 41. SOKHRIM marchands/merchants, *sing.* SOYKHER 42. sauvez/save, rescue

# לאָמיר זיך שפּילן...

## קעסטלשפּיל פֿאַר קענער

אין דעם קעסטלשפּיל ניצט מען ניט קיין נקודות (א = אַ = אָ) און ניט קיין סוף־אותיות (נ = ן). וו, יי, ײַ, און וי רעכענען זיך יעדער ווי איין אות.




### דעפֿיניציעס

**האָריזאָנטאַל**

**א.** גיפֿט[1] אויף לשון־קודש[2] – מיט דעם קען מען (חלילה[3]) אָפּשנײַדן אַ קאָפּ.

**ב.** רומענישע פּאָלענטאַ.

**ג.** ווען מע הערט אויף עס צו טאָן מער ווי איין מינוט שטאַרבט מען.

**ד.** אַ לשון־קודשדיק וואָרט וואָס מיינט „בלויז, נאָר“, און זאָגט זיך אַרויס ווי דער נאָמען פֿון אַ ים־חיה[4] וואָס לויפֿט קרום – נישט דין.

**ה.** אַ טייל פֿון אַ בגד[5] ווו מע קען אַרײַנטאָן אַ סך זאַכן ווי געלט, נאָזטיכלעך, אאַז״וו.

**ו.** דער וואָס ווינט אין טריר.

**ז.** ריכטיקער אויסלייג פֿון „טאָמע“ (אומריין, זינדיק) – „בערג פֿון...“ אין לשון־קודש (אַ וואָרט וואָס זאָגט זיך אַרויס ווי דער באַרימטער ארץ־ישׂראלדיקער[6] טאַנץ).

**ח.** קלאַנגען פֿון שלאַנגען.

**ט.** אותיות[7] וואָס באַטרעפֿן 300, 30 און 5.

**ווערטיקאַל**

**1.** אַזוי רופֿט מען אַ ייִנגל „וואָס קען זיך נאָך ניט אָפּווישן די נאָז“.

**2.** אַ צווייטער דימינוטיוו פֿון מאָטל – אימפּעראַטיוו צווייטע פּערזאָן אין איינצאָל פֿון דעם ווערב מישן.

**3.** וואָס זאָגט אַ ציג ? – פֿאַזע, באַזונדערער מאָמענט אין אַן אַנטוויקלונג.

**4.** וואָס טראָגן מענער אונטער אַן אָנצוג אָדער אַ רעקל – איניציאַלן פֿון עליו־השלום[8].

**5.** יעדער איינער, אָן אויסנאַם – איניציאַלן פֿון אַ שטאָט אין אַמעריקע וואָס מע רופֿט זי „דער גרויסער עפּל“.

**6.** אַ הויז פֿאַר קינדער וואָס האָבן נישט מער קיין טאַטע־מאַמע.

**7.** כּבֿוד[9], האָנאָר.

**8.** פּרויען וואָס האַלטן אַ שענק[10].

דער ענטפֿער אינעם קומענדיקן נומער

### גלאָסאַר קאָרטנשפּיל

| | |
|---|---|
| carte/card | די קאָרט (ן) |
| paquet, jeu/pack, deck | די טאַליע (ס) |
| battre/shuffle | טאַשן |
| couper/cut | שנײַדן |
| donner/deal | אויסוואַרפֿן |
| gagner/win | געווינען |
| perdre/lose | פֿאַרלירן, פֿאַרשפּילן |
| tricher/cheat | שווינדלען, דרייען |
| bluffer/bluff | בלאָפֿן |
| mise ; partie/stake; hand | דער קאָן |
| as/ace | דער טויז (טײַז) |
| couleur/suit | דער קאָליר (ן) |
| carreau/diamonds | שעל, שערל, קאַראָ |
| cœur/hearts | רויט, האַרץ, לבֿ [LEV] |
| pique/spades | גרין, שיפּע |
| trèfle/clubs | אייכל, טרעף, צלם [TSEYLEM] |

1. poison 2. LOSHN-KOYDESH hébreu/Hebrew 3. KHOLILE que Dieu préserve/God forbid 4. YAM-KHAYE animal marin/sea animal 5. BEGED vêtement/garment 6. ERETS-YISRO'ELDIKER israélien/Israeli 7. OYSYES lettres de l'alphabet/letters of the alphabet, *sing.* אות OS 8. OLEVASHOLEM qu'il repose en paix/may he rest in peace 9. KOVED honneur/honor 10. bistrot/tavern.

## שפּיל פֿאַר אָנהייבער







# מלאָכות[1]־שפּיל

### פֿון ראָזשע גוזשעלמאַן

1. איך מאַך ברויט : איך בין אַ .................. .
2. איך מאַך מעבל[2] : איך בין אַ .................. .
3. איך פֿאַרריכט[3] שיך : איך בין אַ .................. .
4. איך ניי קליידער : איך בין אַ .................. .
5. איך פֿיר אַן אויטאָבוס : איך בין אַ .................. .
6. איך פֿאַרקויף פֿלייש אין אַ יאַטקע[4] : איך בין אַ .................. .
7. איך זוך אַ שטעלע[5] ווײַל איך בין אַן .................. .
8. מיט מיר אַרבעט אַ לערן־ייִנגל[6] : איך בין אַ .................. .
9. בײַ מיר קויפֿט מען רפֿואות[7] : איך בין אַן .................. .
10. אין פֿראַנקרײַך בין איך באַרימט ווען איך קום פֿון פּוילן. אין אַמעריקע הייס איך דזשאָ און כ׳האָב געשפּילט אַ ראָלע אין דער לעצטער וואַל־קאַמפּאַניע[8] ! מיך רופֿט מען ווען דאָס וואַסער קאַפּעט[9] פֿונעם קראַן[10] : איך בין אַן .................. .

ענטפֿערס אויף זײַט 8

1. MELOKhES métiers/professions, trades 2. meubles/furniture 3. répare/repair 4. boucherie/butcher shop 5. travail, poste/job 6. apprenti/apprentice 7. REFUES médicaments/medicine 8. campagne électorale/election campaign 9. goutte, coule/drips 10. robinet/tap.

6







## שפּריכווערטער[1] וועגן מלאָכות[2]

- אַ מלאָכה איז אַ מלוכה[3].
- אַ גוטער מכשיר[4] איז אַ האַלבע מלאָכה.
- אַ סך מלאָכות און ווייניק ברכות[5].
- אַלע שוסטערס גייען באָרוועס[6].
- דער שוסטער רעדט פֿון דער קאָפּעטע[7], דער בעקער רעדט פֿון דער לאָפּעטע[8].

1. proverbes/proverbs 2. MELOKhES métiers/professions, trades, *sing.* מלאָכה MELOKhE 3. MELUKhE royaume/kingdom 4. MAKhShIR outil/tool 5. BROKhES *ici* prospérité/*here* prosperity 6. pieds nus/barefoot 7. forme (de cordonnier)/(cobbler's) last 8. pelle/baker's shovel.

# מײַן טאַטנס קינדער־יאָרן אין ליטע[1]

## פֿון אַלכּסנדר[2] קאַפּלאַן





**דאָס שטעטל קיידאַן הײַנט צו טאָג. אויבן : דער מאַרק.**
**אונטן : די קליינע שול און די גרויסע שול.**/NK ©

מײַן טאַטע, שמעון[3] קאַפּלאַן, וואָס וווינט הײַנט צו טאָג אין פּאַריז, איז געבוירן געוואָרן אין ליטע, אינעם שטעטל קיידאַן[4], דעם 18טן יאַנואַר 1922.

דעמאָלט איז ליטע שוין געווען אַן אומאָפּהענגיק[5] לאַנד. זי האָט זיך באַפֿרײַט פֿון דער רוסישער אימפּעריע אין 1918. אין קיידאַן האָבן געוווינט אַרום פֿינף טויזנט מענטשן. פֿופֿציק פּראָצענט פֿון זיי זענען געווען ייִדן. אַלע בעל־מלאָכות[6] אינעם שטעטל זענען געווען ייִדן. מײַן טאַטע דערציילט, אַז אין יענער צײַט איז אין ליטע ניט געווען קיין אַנטיסעמיטיזם.

ווען אַ ייִדיש ייִנגל איז געוואָרן פֿינף יאָר, פֿלעגט מען אים אָפּגעבן צו אַ מלמד[7]. געוויינטלעך זענען די מלמדים געווען זייער אָרעם און אַ סך פֿון זיי האָבן דערצו געאַרבעט ווי אײַנבינדער[8]. די קינדער האָבן זיך געלערנט לייענען אין סידור[9] און פֿאַרשטיין די ווערטער פֿון די תּפֿילות[10]. ווען אַ תּלמיד[11] האָט זיך שלעכט געלערנט, פֿלעגט אים דער מלמד רופֿן אַ גולם[12].

אין עלטער פֿון זיבן יאָר פֿלעגן די קינדער גיין אין אַ מלוכה־שול[13] ספּעציעל פֿאַר ייִדן. די שול איז געווען אומזיסט[14] און האָט געדויערט פֿיר יאָר, ייִנגלעך און מיידלעך צוזאַמען אין איין קלאַס. אַלע לימודים[15] און שולביכער זענען דאָרטן געווען אויף העברעיִש. די קינדער צווישן זיך האָבן אויך גערעדט אויף העברעיִש.

קינדער וואָס זייערע טאַטע־מאַמעס זענען געווען סאָציאַליסטן אָדער קאָמוניסטן, האָט מען ניט געשיקט צו אַ מלמד אָדער אין אַ העברעיִשער שול, נאָר אין אַ שול מיט ייִדיש (אויך אומזיסט). אין יענער צײַט האָט מען געניצט אין ליטע פֿאַרשיידענע שפּראַכן – ליטוויש, רוסיש, פּויליש, דײַטש... אין דער היים האָט דער טאַטע גערעדט ייִדיש מיט זײַן מאַמען און העברעיִש מיט זײַן טאַטן. אַחוץ[16] דעם האָט ער גוט געקענט ליטוויש (דאָס איז ניט געווען אַזוי בײַ אַלע ייִדן אין ליטע). דער זיידע וואָס איז געווען פֿון טילזשע, האָט גוט געקענט דײַטש און רוסיש, און די באָבע, פֿון פּאָנעוועזש, האָט נאָר געקענט ייִדיש און אַ ביסעלע ליטוויש. אין קיידאַן האָבן אויך אַ סך ליטווינער[17] און פּאָליאַקן[18] געקענט ייִדיש.

מײַן טאַטע, וואָס דעמאָלט האָט מען אים גערופֿן שימקע, האָט זיך געלערנט אין אַ העברעיִשער שול. ער האָט דאָרטן געהאַט צוויי חבֿרים[19] : דודקע[20] גרוידאַנץ און מאירקע[21] פּאַלעסטינסקי. אַלע דרײַ האָבן איבערגעלעבט דעם חורבן[22]. זיי האָבן אַ סך געשפּילט אין פֿוסבאָל און אין אַ פּילקעשפּיל[23] פֿאַר קינדער מיטן נאָמען „פֿעלקער־בונד“. ס'איז געווען אַ פּאָר פֿוסבאָל־מאַנשאַפֿטן[24] און די ייִנגלעך פֿלעגן אַפֿילו[25] אַנטלויפֿן פֿון שול[26] כּדי[27] זיך צו שפּילן. קינדער פֿלעגן זיך אויך פֿאַרבעטן אויף געבוירן־טעג, פֿאַרברענגען און טאַנצן צוזאַמען. אין יענע יאָרן האָט זיך אין קיידאַן באַוויזן דער ערשטער פּאַטעפֿאָן[28], נאָר קיין ראַדיאָ איז נאָך ניט געווען.

נאָך דעם ווי דער טאַטע האָט געענדיקט די פֿאָלקשול[29] האָט ער געוואָלט גיין אין גימנאַזיע[30]. אין קיידאַן איז אָבער נאָר געווען אַ פּראָגימנאַזיע[31] ווו מע האָט זיך געלערנט דרײַ־פֿיר טעג אַ וואָך.

[סוף זײַט 8]



1. Lituanie/Lithuania 2. ALEKSANDER 3. SHIMEN 4. Kedainiai 5. indépendant/independent 6. BAL-MELOKHES artisans 7. MELAMED maître d'école/teacher, *plur.* מלמדים MELAMDIM 8. relieurs/bookbinders 9. SIDER livre de prières/prayer book 10. TFILES prières/prayers 11. TALMID élève/pupil 12. GOYLEM golem 13. MELUKHE-SHUL école publique/public school 14. gratuit/free 15. LIMUDIM matières/subjects 16. AKHU'TS à part/aside from 17. Lituaniens (non juifs)/Lithuanians (non-Jews) 18. Polonais (non juifs)/Poles (non-Jews) 19. KHAVEYRIM amis/friends, *sing.* חבֿר KHAVER 20. DO'VIDKE 21. ME'YERKE 22. KHURBM Shoah 23. jeu de ballon/ballgame 24. équipes/teams 25. AFILE même/even 26. *ici/here* synagogue 27. KEDE'Y pour/in order to 28. phonographe/phonograph 29. école primaire/primary school 30. lycée/high school 31. école préparatoire au lycée/preparatory school

[סוף פֿון זײַט 7]

האָט ער זיך דאָרטן געלערנט צוויי יאָר כּדי זיך צוצוגרייטן צו דער גימנאַזיע אין קאָוונע. קאָוונע איז געווען די הויפּטשטאָט פֿון דער אומאָפּהענגיקער ליטע. אין אָנהייב איז ווילנע געווען די הויפּטשטאָט, נאָר נאָך דער מלחמה[32] צווישן פּוילן, פֿראַנקרײַך און ענגלאַנד קעגן דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד[33] אין 1921 האָט פּוילן פֿאַרנומען ווילנע.

אַלע העכערע שולן זענען געווען אין קאָוונע. אין 1936, אין עלטער[34] פֿון פֿערצן יאָר איז דער טאַטע געפֿאָרן קיין קאָוונע, ווו ער האָט געהאַט אַ פֿעטער[35]. דער פֿעטער האָט געוואָלט אַז מײַן טאַטע זאָל זיך לערנען נאָך אַ פֿרעמדע שפּראַך, האָט ער אים אײַנגעשריבן אין דער דײַטשישער גימנאַזיע, וווּ אַלע לימודים זענען געווען אויף דײַטש. אַחוץ דעם איז דער טאַטע אויך געגאַנגען אין אַן אָרט[36]־שול, דרײַ מאָל אַ וואָך, כּדי זיך אויסצולערנען אַ פֿאַך[37]. נאָר ווען מײַן זיידע האָט זיך דערוווּסט (ערשט נאָך צוויי יאָר) אַז זײַן זון גייט אין אַ דײַטשישער גימנאַזיע, איז ער ניט געווען מסכּים[38] און האָט אים געהייסן זיך אײַנשרײַבן אין דער העברעיִשער גימנאַזיע. אויך די גימנאַזיע איז געווען קאָעדוקאַטיוו[39]. העברעיִש איז דאָרטן געווען אַ לעבעדיקע שפּראַך. זיי האָבן אַלץ געלייענט אויף העברעיִש, אויך די וועלט־ליטעראַטור, ווי ביכער פֿון זשול ווערן[40] אָדער *דעם פֿעטער טאָמס הײַזל*[41]. דעם ערשטן ליבעבריוו האָט מײַן טאַטע אָנגעשריבן אויף העברעיִש און זײַן חבֿרטע[42] האָט אים אויך געענטפֿערט אויף העברעיִש !

32. MILKHOME guerre/war 33. Union soviétique/Soviet Union 34. à l'âge de/at the age of 35. oncle/uncle 36. O.R.T. 37. métier/trade 38. MASKIM d'accord/did not agree 39. mixte/co-ed 40. Jules Verne 41. *La Case de l'oncle Tom*/*Uncle Tom's Cabin* 42. KHA'VERTE copine/girlfriend.




**אויפֿשריפֿט אויף אַ שול אין קיידאַן אויף ליטוויש און ייִדיש.** © NK/.



[סוף פֿון זײַט 4]

דער רבֿ איז גלײַך אַרויס צום סוחרים־קלוב, און האָט מיטגענומען דאָס מיידל. ווען ער איז אַרײַן אין קלוב, האָט זיך דער עולם[43] דערשראָקן. דער רבֿ אָבער האָט זיי געזאָגט „שפּילט ווײַטער, איך וויל מיטשפּילן“. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און געהייסן מע זאָל אים געבן קאָרטן. ווען אַלע אַרום טיש האָבן שוין געהאַט געוואָרפֿן זייערע קאָרטן, האָט דער רבֿ אַרויסגענומען דעם בריוו און אים אַ וואָרף געטאָן אויפֿן טיש זאָגנדיק : „הערץ איז טרומף !“. דאָס מיינט „האַרץ געווינט“. דאָס איז אַוודאי געווען אַ ווערטערשפּיל אויפֿן נאָמען פֿונעם מענטשן, אויפֿן סימן[44] פֿון די קאָרטן, און אויך אויפֿן מענטשלעכן האַרץ, דאָס הייסט די באַרעמהאַרציקייט[45] וואָס טאָר ניט צולאָזן[46] אַזאַ אומגערעכטיקייט. די סוחרים האָבן איבערגעלייענט דעם בריוו, און זיך פֿאַרשעמט[47]. זיי האָבן געגעבן דעם רבֿ גענוג געלט בעּר הערץ זאָל האָבן פֿון וואָס צו לעבן.



43. OYLEM assistance, *ici* les joueurs/audience, *here* the players 44. SIMEN signe, *ici* couleur des cartes/sign, *here* suit of cards 45. miséricorde/mercy 46. permettre/allow 47. ont eu honte/were ashamed.

דער ייִדישער
# טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי, שרון.

YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com
מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com

## ענטפֿערס אויפֿן שפּיל פֿון ז' 6



1. בעקער
2. סטאָליער[1]
3. שוסטער[2]
4. שנײַדער
5. שאָפֿער
6. קצבֿ[3]
7. אַרבעטסלאָזער
8. בעל־מלאָכה[4]
9. אַפּטייקער[5]
10. אינסטאַלאַטאָר[6]



1. ébéniste, menuisier, charpentier/carpenter 2. cordonnier/cobbler 3. KATSEV boucher/butcher 4. BAL-MELOKhE artisan 5. pharmacien/pharmacist 6. plombier/plumber.